# פרייע טריבונע.

## ווער איז שולדיג?

אין דער „טשענסטאכאווער צייטונג“ פיהרט זיך לעצטענ'ס א פאלעמיק וועגען די פארגעקומענע קהלה-וואהלען, די ה"ה ש. גאלדשטיין, י. ראזענבערג, אויך די אגודה-פארשטעהער בעמיהען זיך ארויסצוווארפען פון זיך די שולד פון דער געשאפענער לאגע, און דאס ארויפצוווארפען אויף א צווייטען.

אלס דער וואס איז געשטאנען נאהנט צו דער וואהל-פאליטיק וויל איך מיר דערלויבען אויפצוקלערען פאר דער עפענטליכקייט און אנווייזען ווער עס זענען, לויט מיין מיינונג, די שולדיגע אין דעם העסליכען שפיעל וואס ווערט געפיהרט ארום די פרעזעס - וואהלען, וואס ברענגט געוויס נישט קיין כבוד דעם יודענטום בכלל און די היגע יודען בפרט.

פאר די וואהלען, ווען עס איז נאר בעוואוסט געווארען וועלכע גרופירונגען עס געהען צו די וואהלען, האבען די פארשטעהער פון דער היגער ציוניסטישער ארגאניזאציע גערופען א קאנפערענץ כדי צו שאפען א טעכנישען בלאק פון ציונים, מזרחי, האנדווערקער און קליינהענדלער, מיט דער אויפגאבע צו בעקעמפען דעם פאראגר. 20. די האנדווערקער-פארשטעהער האבען דאן ערקלערט, אז זיי זענען מסכים צו שאפען דעם בלאק נאר מיט'ן בעדינג, אז מען זאל אריינגעמען אויך די דעמאקראטען, און זיי האבען דאס מאטיווירט מיט דעם וואס צווישען די האנדווערקער זענען פעראנען פיעל דעמאקראטען, און דאס נישט געהן מיט זיי קען ארויסרופען רייבונגען אין די האנדווערקער - רייהען. די ציונים האבען דאגעגען ערקלערט, אז זיי זענען קאטעגאריש געגען א בלאק מיט די דעמאקראטען, און דאריבער זענען די האנדווערקער געגאנגען צו די וואהלען נאר מיט די קליינהענדלער, נישט וועלענדיג זיך אנגאזשירען מיט קיין שום פאליטישע גרופירונג.

דאן האבען די ציונים אנגעהויבען פיהרען א אמת'דיגען „גאסען-קאמף“ אויך געגען די האנדווערקער. געוויסע פערזאנען האבען ספעציעל פערשפרייט געמיינע ליגענד און אויסגעטראכט פערשידענע פליאטקעס, זאגאר ה' גאלדשטיין האט נישט געקארגט קיין „געלע פערלדיגע“ ווערטער געגען די האנדווערקער, און די דאזיגע הערען האבען אינגאנצען פערגעסען, אז נאך די וואהלען וועט מען זיך מוזען פעראייניגען מיט די וואס מען בעקעמפט איצט אזוי העפטיג, כדי צו שאפען א א בלאק טאקי צו בעקעמפען דעם פאראגראף 20, ווארום מיט וועמען קענען דען די ציונים אדער מזרחי געהן צוזאמען אויב נישט מיט די האנדווערקער און דעמאקראטען? צי זענען דען די האנדווערקער אדער דעמאקראטען נישט דער זעלבער נאציאנאלער עלעמענט ווי די ציונים? אויב נישט אלע איז פאר 90 פראצ. גאראנטיר איך. אלזא צו וואס האט געטויגט דער דאזיגער קאמף? איז דען נישט גלייכער געווען זיי צוצוצ־יהען צו דער נאציאנאלער ארבייט און נישט יאויפשטעלען געגען זיך פערביסענע געגנער? ווי ארום זענען דען די ה"ה דר. בראם, שטילער, שפירא א"א געווארען ציונים, אין דער צייט ווען זיי האבען פריהער אויך געהערט צום זעלבען לאגער ווי די דעמאקראטען?

נאך די וואהלען האט מען געדארפט זיך בעמיהען, אז די קהלה זאל זיין ארבייטזאם און לטובת דער זאך האט מען דאס פרעזידיום געדארפט פערטיילען צווישען אלע גרעסערע גרופירונגען, אז קיינער זאל נישט בע'עולה'ט ווערען, האט אבער דער „מזרחי“ געהאט צו גרויסע אספיראציעס און פערלאנגט פאר זיך ביידע פרעזעסען פון ראט און פון דער פערוואלטונג, דאביי האט ער געברענגט אלס קרבן זיינע לייב-ברידער די ציונים און דאס האט בעיקר געברענגט צו דעם מיש-מאש, פון וועלכען מען קען ביז'ן היינטיגען טאג נישט ארויס.

די האנדווערקער און דעמאקראטען האבען זייער פליכט ערפולט, אייגזעהענדיג אז ביים יעצטיגען צוזאמענשטעל פון דער פערוואלטונג איז נישטא קיין פאסענדע פערזאן אלס פרעזעס ווי דער ה' ש. גאלדשטיין, טראץ דעם וואס זיי זענען פאליטישע געגנער איז ווען עס האט זיך געהאנדעלט לטובת דער יודישער בעפעלקערונג האבען זיי פערציכטעט אויף פאליטיק און געשטימט פאר ה' גאלדשטיין, וועלכער האט אויך דעם מאנדאט אנגענומען, אבער שפעטער איז ער בעגאנגען א נישט-טאקטישען שריט און זיך ביי דער מאכט אבגעזאגט פון דעם אמט. צי וואלט דען נישט געווען פאר איהם שענער, אז די מאכט זאל איחם נישט בעשטעטיגען און ביים צווייטען מאל זאל ער ווידער אויסגעוועהלט ווערען?

ה' גאלדשטיין האט זעהר נישט ריכטיג געהאנדעלט און דאס האט די לאגע נאך מעהר פערשארפט, אזוי אז ביי די שפעטערע וואהלען האבען די דעמאקראטען פאר איהם נישט געשטימט און זיי זענען גערעכט געווען, ווארום זיי האבען דאך נישט געהאט קיין גאראנטיע אז ה' ג. וועט זיך ווידער נישט אבזאגען, זיי וואלטען אבער געווען נאכמעהר אויסגעהאלטען ווען זיי וואלטען נישט ארויסגעשטעלט קיין אייגענע קאנדידאטען, כדי מען זאל נישט קענען זאגען אז זיי האבען געוואלט דאס פרעזעס-בענקיל.

די האנז'ווערקער ווידער זענען בעגאנגען א פעהלער מיט דעם וואס שטימענדיג דאס לעצטע מאל פאר ה' גאלדשטיין האבען זיי זיך פריהער געדארפט בעפרייען פון דעם ווארט-אבמאך וואס זיי האבען געהאט מיט די דעמאקראטען, ווייל אויף אזא ארט צו האנדלען איז נישט שצהן.

איך האב פאר דער געזעלשאפט אויפגעדעקט דעם גאנצען פלאנטער און זאל די עפענטליכקייט אורטיילען ווער עס איז שולדיג.

שמואל ניעמיראווסקי

# דער יודישער קלעזמער פון פראג

(אינטערעסאנטע יודישע פאלקס-מעשה פון א יודישען קלעזמער פון פראג וואס איז געווען געפאנגען דורך א באנדע גזלנים פון מוצאי יום-כיפור ביז הושענא-רבא.)

אויסגעקליבען און איבערדערצעהלט — פון ר. אייזלאנד.

(סוף)

3.

וועלען מיר זיי דא איבערלאזען און זיך אומקעהרען זעהן וואס מיט ר' שמעלקען איז פערלאפען.

די פערמאכטע קארעטע, אין וועלכער מען האט ר' שמעלקען אריינגעווארפען, איז געפלויגען פייל פון בויגען איבער בערג און טאלען, איבער גריבער און שטיינער ביז מען האט זיך אבגעשטעלט, ארויסגענומען ר' שמעלקען פון דעם פערמאכטען וואגען, גענומען איהם אונטער די הענד און געפיהרט ביז ער האט דערפיהלט אז מען פיהרט איהם אלץ נידריגער און נידריגער. דערנאך האט ער דערפיהלט, אז ער געפונט זיך אין אזא מין שטוב. פון דארטען האט מען איהם געפיהרט אין אנ'אנדערע שטוב און אזוי פון איין שטוב אין דער אנדערער, ביז מען האט איהם געבראכט אין גרויסען זאל אריין. דא האט מען פון איהם אראבגענומען דעם זאק און פאר זיינע אויגען האט א בליאסק געטהון, ווארום דער זאל איז געווען אויסגעפוצט מיט פעריל, דימאנטען און בריליאנטען. אין מיטען זאל איז געווען א טיש, אויבענאן אויף א טייערען שטוהל איז געזעסען א מאן פון א יאהר פערציג, אנגעטהון ווי א שרה און מיט א בלאנקער שווערד אין דער האנד. ארום איהם זענען געזעסען צוועלף געזונטע יונגען, אלע אנגעטהון אין רויטען זיידענצייג און מיט מעסערס אין די הענד.

שמעלקע האט גלייך פערשטאנען, אז ער איז אריינגעפאלען צווישען רויבער, וואס ווייסען נישט פון קיין רחמנות, נאר ווי אזוי ווי ער קומט אהער האט ער נישט געקענט פערשטעהן, איז איהם נעביך געווארען זעהר ביטער אויפ'ן הארצען און ער האט זיך קוים געקענט האלטען אויף די פיס, האבען איהם די לייט געגעבען א פאר טראפען בראנפען, אז ער זאל קומען צו זיך. דערנאך האבען זיי איהם צוגעפיהרט צו דעם עלטסטען פון די גזלנים און דער עלטסטער האט אויף איהם א געשריי געטהון מיט זיין רויבעריש קול: „ווי אלט ביזטו, דו פערשאלטענער יודי?“ ר' שמעלקע האט איהם געענטפערט שטיל, אז ער איז זעקס און דרייסיג יאהר אלט און געבעטען ער זאל רחמנות האבען אויף זיינע יונגע יאהרען, מחמת ער האט א ווייב מיט קינדער. אבער דער עלטסטער האט זיך נאר אויסגעלאכט און איהם געזאגט, אז ער מעג שוין ווידוי זאגען, ווייל באלד וועט מען איהם טויטען. איז ר' שמעלקע איהם געפאלען צו די פיס און געבעטען ער זאל אויף איהם רחמנות האבען, אבער דער עלטסטער האט איהם אבגעשטופט פון זיך. האט זיך ר' שמעלקע געבעטען אז מען זאל איהם כאטש זאגען מיט וואס ער האט זיך פערזינדיגט וואס מען זאל איהם דארפען טויטען און פון וועמעס האנד ער איז דא אהערגעברענגט געווארען. זאגט צו איהם דער עלטסטער: דאס קען איך דיר זאגען, יוד, נאר בתנאי, אז דו זאלסט פאר אונז שפילען פאר דיין טויט, ווייל מיר האבען געהערט, אז דו ביזט א גרויסער שפילער.

ווי ביטער ס'איז איהם נעביך געווען אויפ'ן הארצען, האט ר' שמעלקע דאך מסכים געווען צו שפילען. מען האט איהם גלייך געבראכט א פידעל. איידער ער האט אנגעהויבען שפילען האט איהם דער עלטסטער געזאגט, אז זיין ביטערען סוף האט ער צו פערדאנקען דעם גרויסען קענער, וועלכער האט איהם מקנא געווען פאר'ן כבוד, וואס מען האט איהם צוגעטיילט ביים דוכס, האט ער בעצאהלט א סך געלד, כדי מען זאל איהם טויטען. האט זיך ר' שמעלקע צוויינט און נאכאמאל געבעטען מען זאל איהם לאזען לעבען און ער וועט די גזלנים געבען נאך מעהר געלד, אבער דער עלטסטער האט זיך אויסגעלאכט און ר' שמעלקע האט גענומען די פידעל און אנגעהויבען צו קרעכצען, ווארום עס איז איהם נעביך געווען זעהר שווער צו שפילען אין אזא עת צרה, ווען דער חלף איז איהם שוין געלעגען אויפ'ן האלז, נאר אז ער האט שוין אנגעהייבען צו שפילען האט ער געשפילט מיט אזא געפיהל, אז דער עלטסטער מיט די איבריגע גזלנים זענען שיער נישט אויסגעגאנגען.

אבגעשפילט און געמיינט, אז איצט וועט שוין קומען דער סוף. ערשט ער הערט ווי איינער פון די גזלנים רופט זיך אב: צו וואס זאלען מיר איהם שוין הרג'ענען, אז פון אונזערע הענד וועט ער סיי ווי סיי נישט לויז ווערען. לאמיר איהם נאך לאזען לעבען, וועט ער אונז דערקוויקען מיט זיין שפילען.

איז דאס וואויל געפעלען דעם עלטסטען און די אנדערע גזלנים און זיי האבען אבגעמאכט דערווייל איהם צו לאזען לעבען. און אזוי איז דערווייל ר' שמעלקע ניצול געווארען.

און ר' שמעלקע איז געזעסען אין א בעזונדערע קאמער, וואס די גזלנים האבען איהם אבגעגעבען, מען האט איהם געגעבען צו עסען און צו טרינקען, אבער נאר מיט א תנאי, אז ער זאל זיין גרייט צו שפילען ווען מען וועט עס פערלאנגען פון איהם. ער האט געגלויבט און געדאנקט דעם בעשאפער פאר דעם חסד און געהאפט, אז דער אויבערשטער וועט איהם נאך ווייטער העלפען און ער וועט אינגאנצען ניצול ווערען פון די רויבערישע הענד און אהיימקומען אויף סכות צו זיין פאמיליע.

4.

און די גזלנים פלעגען אוועקגעהן אויף גאנצע טעג און אהיימקומען שפעט נאך האלבער נאכט. פאר אוועקגעהן פלעגען זיי פערשליסען דעם אריינגאנג צו דער הייל, אזוי אז ר' שמעלקע זאל נישט קענען ענטלויפען, אבער אינעווייניג אין דער הייל פלעגט ער קענען זיך ארומדרעהען פראנק און פריי וואו ער האט נאר געוואלט. ביינאכט פלעגען די גזלנים צוריקקומען פערבלוטיגטע און נאכדעם ווי זיי האבען זיך ארומגעוואשען, האבען זיי זיך געזעצט עסען און טרינקען. נאכ'ן עסען האבען זיי זיך לוסטיג געמאכט און ר' שמעלקע האט געמוזט פאר זיי שפילען. אפט פלעגט זיך מאכען, אז די גזלנים האבען מיט זיך מיטגעבראכט מענשען, וואס זיי האבען געכאפט אויף די וועגען און דא אין דער הייל האבען זיי געטויט די אומגליקליכע מיט כל'ערליי שרעקליכע יסורים און ר' שמעלקע האט דערביי נאך געמוזט צושפילען עפיס פרעהליכעס. וואס ער האט געפיהל'ט דערביי קען מען זיך שוין פארשטעלען. זעהר אפט האט איהם זעהר שטארק באנג געטהון וואס ער איז געבליבען לעבען, און איידער צוצוזעהען ווי מען פייניגט אזוי מענשען, האט ער אויף זיך גיכער געוואונשען דעם טויט. ער האט אפילו געוואלט זיך א מעשה אנטהון, אבי נישט צו דארפען צוזעהען די שוידערליכע מעשים פון די רויבער.

גאנצע טעג האט ער פערבראכט אין תהלים זאגען און בעטען צו גאט, אז ער זאל איהם מציל זיין פון דאנען. ער האט געצעהלט די טעג און געוואוסט, אז ס'איז שוין סכות און ער קען נישט מקיים זיין די מצוות סוכה און אתרוג, דאס האט איהם גאר אינגאנצען צומישט און ער האט זיך דאס לעבען פערוואונשען.

און איין נאכט, דאס איז געווען די נאכט פון הושענא-רבה, האבען זיך די גזלנים אומגעקעהרט אין דער הייל אריין זעהר צארנדיג און דער עלטסטער איז צוגעגאנגען צו איהם און געזאגט: איצט, יוד, איז געקומען די צייט, מען זאל מאכען א סוף מיט דיר. און מען האט זיך טאקי גלייך גענומען צוגרייטען איהם צו טויטען. ר' שמעלקע האט זיי געבעטען, אז זיי זאלען איהם כאטש לאזען ווידוי זאגען און צום לעצטען מאל שפילען אויף דער פידעל. האט מען איהם צוליעב געטהון. ער האט גענומען די פידעל און געשפיעלט, אזוי, אז זיין שפיעלען האט זיי אלעמען צובראכען און זיי זענען געבליבען זיצען ווי פערשטיינערט.

5.

וועלען מיר איהם לאזען ווידוי זאגען אויף זיין פידעל און מיר וועלען זיך אומקעהרען קיין פראג זעהען, וואס

# וואס געהערט, וואס געזעהן.

## א שווער נסיון.

צווישען די תרי"ג מצוות, וואס יודען היטען אב, אז אויך די מצוה סוכה, וועלכע זיי בעזארגען זיך און בעמיהען זיך וואס בעסער און שעהנער אויסצופיהרען.

וועגען דער דאזיגער סוכה איז געשאפען געווארען א גאנצע ליטעראטור ביי וועלכע עס האבען געהאט א שווערע שטיקעל ארבייט אונזער תנאים און אמוראים. ביז זיי זענען ענדליך געקומען צו א הסכם וועגען דער גרויס פון דער סוכה און וועגען די דינים וואס זענען מיט איהר פערבינדען.

שפעטער, האט זיך וועגען דער דאזיגער סוכה געשאפען אנ'אנדערע ליטעראטור, מען האט געשריבען און בעזונגען די סוכה למשל ווען אנדערע פעלקער פערקלויבען זיך הערבסט צייט אין די שטיבען אריין שיצענדיג זיך פאר די קעלטען און בייזע ווינטען, געזעהט דאמאלס דער יוד גראד אין דער סוכה ווייזענדיג, אז ער האט בטחון, אז ער וועט נישט געפרוירען ווערען. די דאזיגע טעמים און נאך אנדערע מאטיוועז האט מען געשאפען ארום דער דאזיגער מצוה סוכה.

ביים פאלק איבערהויפט ביי די ווייבער האט זיך אבער אויסגעבילדעט א אנדערע מיינונג, אויב מען זיצט אין דער סוכה מיט שכנים מוז מען געבען דעם מאן א גרויסע פארציע כדי נישט פערשעמט צו בלייבען פאר די איבריגע סוכה זיצער, טרעפט טיילמאל אז די פרוי מיט די איבריגע קינדער עסען א שטיקעל טרוקענע חלה און דעם מאן שיקט מען ארויס דאס בעסטע.

היי יאהר סכות, ז'י נויט אין דער יודישער גאס איז אין לשער און נישט קוקענדיג אויף דעם זול איז אבער נישטא דער גראשען, די סוכה איז אבער אויפגעשטעלט, וואס טהוט מען? איז געשעהן א נס: עס רעגענט, די ערשטע טעג האט געגאסען האט מען געפונען א תירוץ, אז מען מוז עסען אין די שטוב, וועט מען במילא זיין פטור פון דער חרפה פאר די שכנים... אבער נישט אלע האבען געקאנט יוצא זיין מיט'ן רעגען-תירוץ, די טראדיציע איז שטארקער פון אלעם, אדרבה, זיי האבען געוואלט בעווייזען, אז נישט קוקענדיג אויף דעם וועטער, וועלען זיי דאך געהן אין דער סוכה. וואס טהוט מען אבער מיט די קלאגעדיגע מאכלים, דער בזין פאר לייטען — איז טאקע געווען א שווערער נסיון.

## בעלי תפלות אויף עקספארט.

אמת, מיר האלטען שוין ביי הושענא רבה, ווען מיר בעקומען שוין ארויס דאס הימלישע קוויטעל מיט'ן פראטאקאל מיט דער חתימה, וואס איז אנגעשריבען און אבגעחתמ'ט געווארען ראש-השנה און יום-כפור. פונדעסטוועגען מאכט נישט אויס אז מען זאל פערצייכענען וועגען א מעשה שהיה וואס האט זיך געטראפען אין שטיבעל טארגאווע 9.

ווי בעוואוסט, איז דאס דערמאנטע שטיבעל בעקאנט אלס א בעל-תפילה שטיבעל ד"ה, אז כמעט אלע מתפללים זענען בעל תפילות און דאס שטיבעל טאקע ליפערט בעלי תפילות פאר עטליכע ארטיגע פריוואטע שוהלען.

ויהי היום און אז עס איז געקומען ראש-השנה, האט דער בעל תפלה ר' יעקעלע געדארפט דאווענען מוסף אין א שוהל, איז ער נעביך שוואך געווארען, האט ער געשיקט א שטאפעט אין שטיבעל אריין, אז מען זאל איהם שיקען „פאמאץ“, האט מען איהם געשיקט ר' משה ש. און ער האט אבגעדאווענט א מוסף. כדבעי מאכט זיך א מעשה אז אויך יום-כפור איז דער בעל מוסף ווידער שוואך געווארען און מען האט געשיקט נאך הילף אין שטיבעל אריין, וואס טהוט מען? אז די בעלי תפלות פון שטיבעל האבען שוין זייערע רעסארטען, דער איז דער בעל מתחיל, דער צווייטער בעל שחרית, דער דריטער בעל מוסף און דער פיערטער דער בעל מנחה. מען מוז אבער דאך ראטעווען א קאלעגע, האט מען דעם בעל מנחה געמאכט פאר'ן בעל מתחיל, דעם בעל מתחיל פאר'ן בעל שחרית און דער בעל שחרית ר' איטשעלע איז אוועק אין דער שוהל כדי ארויסצוהעלפען זיין שוואך-געווארענעם חבר און די סיטואציע איז געראטעוועט געווארען.

שמועסט מען טאקע, אז דאס שטיבעל אויף טארגאווע 9 האט בעלי תפילות אויף עקספארט.

## עס ציהט צום שורש!

אין אונזער שטאדט איז בעקאנט א געוויסע פאמיליע ק. וואס דער פאטער האט אין דער יוגענד פערלאזט דאס יודישע פאלק, חתונה געהאט מיט א קריסטין און פטור. דאס יודישע פאלק האט נישט קיין סך בעדויערט דעם שאדען און וואלט איינציגווייז פון דער גאנצער זאך פערגעסען. מאכט זיך אבער א מעשה, וואס בעהט זיך, אז מען זאל זי דערצעהלען.

די פאמיליע, וועלכע האט פערקעהרט נאר צווישען קריסטען, האט זיך בעמיהט ביי זייערע קינדער צו פערמיידען דעם סוד, אז זיי שטאמען פון יודען און איינגעפלאנצט דעם געדאנק, אז זיי האבען אין זיך ריין אריש בלוט, דערווייל איז זייערס א טאכטער, דוקא א געראטענע און א שעהנע, אוועק קיין פאריז שטודירען אין דארטיגען אוניווערזיטעט און דער גורל האט געוואלט, אז זי זאל זיך בעקענען מיט א (הערט און שטוינט) יודישען סטודענט, זיך פערליעבט און בעשלאסען חתונה צו האבען.

ויהי כשמועם, ווען די עלטערן האבען דערהערט וועגען דער שווארצער בשורה, איז זיי געווארען ביטער זייער לעבען, פארדאן, איך מיין צו זאגען אז דעם פאטער איז געווארען טרויעריג אויפ'ן הארצען, דאגעגען די מוטער, די אמת'ע קריסטין האט דאס גארנישט אזוי וועה געטהון, הלמאי זי האט דאך אויך אין איהרע יונגע יאהרען חתונה געהאט מיט א יוד און זי האט בעגריסט איהר טאכטער צו איהר גליק. דער פאטער אבער, דער געוועזענער יוד, האט זיך נישט געקענט בערוהיגען, אזא אומגליק, אזא אומגליק, מיט א יוד גאר, און נאך מיט א נאציאנאלען יוד דערצו. האט ער זיך אבגעזאגט פון זיין ווידערשפעניגע און „פערעטע-

דארט איז דערווייל פארגעקומען.

די צוויי דוכסים האבען אלץ נישט געקענט פארגעסען, אז צוליעב זיי איז ר' שמעלקע נעלם געווארען, האבען זיי געלאזט אויסקלעבען מודעות אין אלע ערטער, אז זיי זענען גרייט צו געבען א שלל מיט געלד צו דעם יעניגען, וואס וועט דערגעהן א שליאד פון דעם פערפאלענעם קלעזמער. און אז די מודעות האבען גארנישט געבראכט האבען זיי זיך פערשטעלט פאר יעגערס און מיטגענומען מיט זיך דרייסיג בעדינטע מיט כלי-זין און אלע נאכט האט מען זיך ארויסגעלאזט אין די וועלדער ארום פראג. דארט האט זיך די מחנה צוטיילט אין קלענערע מחנות און מען האט זיך ארויסגעלאזט זוכען אין בעזונדערע ווינקעלעך. אבער זוך היינט זוך מארגען, אז אין ערגיץ איז נישט געווען קיין שפור פון דעם פערפאלענעם. און אלע זענען שוין געווען מיעד פון דעם ארומזוכען אין די וועלדער און די דוכסים האבען זיך שוין געוואלט אומקעהרען און איהם אויפהערען זוכען.

אין דער זעלבער נאכט זענען די דוכסים מיט זייערע בעדינטע אנגעקומען אין דעם וואלד, וואו די גזלנים האבען זיך אויפגעהאלטען. דער וואלד איז געווען א טיעפער און א פינסטערער און מען האט קוים געזעהען וואו מען געהט. פלוצים, ווי זיי זענען אזוי געגאנגען און געטאפט דעם וועג אין דער פינסטערניש האבען די שפורהינט פון די דוכסים זיך אבגעשטעלט אויף איין ארט און בשום אופן זיך פון דארט נישט געוואלט ריהרען. האבען די דוכסים פערשטאנען, אז מסתמא איז דא עפיס אזוינס, וואס עס לאזט די הינט נישט אוועק פון דאנען. האבען זיי אנגעשטעלט די אויערען, אפשר וועלען זיי עפיס דערהערען און זיי האבען טאקי דערהערט א אונגעהויער טרויעריג שפילען, וואס איז געקומען פון דער טיעפעניש, האבען זיי נאכמעהר אנגעשטעלט די אויערען און דערקענט, אז דאס שפיעלט דער פראגער קלעזמער, ווייל קיינער האט נישט געקענט שפילען מיט אזא זיסקייט און מאראלישקייט ווי ער. האבען זיי געגעבען א פייף און באלד זענען אלע דרייסיג מענשען שוין געווען צוזאמען, האט מען אנגעצינדען פאקלען און גענומען זוכען, און מען האט געפונען א עפנונג צו דער הייל פון די גזלנים. זענען די דוכסים מיט זייערע בעדינטע ארייין אין דער הייל מיט זייער כלי-זין און זיי האבען זיך ארונטערגעלאזט אלץ טיעפער און טיעפער און דאס שפילען איז זיי אקעגענקומען אלץ נעהנטער און אזוי זענען זיי נאכגעגאנגען דאס שפילען, ביז זיי זענען אריינגעקומען אין דער קאמער, וואו ר' שמעלקע איז געשטאנען א בעגאסענער מיט טרעהרען און די גזלנים זענען געזעסען ארום איהם שטארק פערטראכטע, זענען די דוכסים מיט זייערע בעדינער בעפאלען די גזלנים און זיי געבינדען, דערנאך זענען זיי צוגעפאלען צו ר' שמעלקען, איהם געקושט און געהאלזט און זיך זעהר געפרעהט, וואס זיי האבען איהם נאך געפונען א לעבעדיגען, דערנאך האט מען די רויבער בער-באלד ארויפגעזעצט אויף פערד און זיי אבגעפיהרט קיין פראג.

געקומען קיין פראג נאך האלבער נאכט האבען זיי די רויבער בעהאלטען אין א קעלער, ווייל זיי האבען נישט געוואלט, אז די זאך זאל מפורסם ווערען, איידער מען וועט פריהער נישט כאפען דעם גרויסען קענער, וואס ער איז געווען דער פאקטישער שולדיגער אין דער גאנצער מעשה, ווייל זיי האבען שוין איצט אלץ געוואוסט. ר' שמעלקען האט מען געלאזט אבבאדען, דערנאך האט מען איהם געגעבען צו עסען און צו טרינקען, כדי ער זאל צו זיך קומען, מחמת ער איז פון גרויס צער און יסורים געווען זעהר אבגעשוואכט. אויך ר' שמעלקען האט מען נישט געלאזט אהיימגעהן, כדי עס זאל נישט ווערען א רעש אין שטאדט. דערנאך האט מען אוועקגעשיקט די בעדינער אין דער הייל אריין, אז זיי זאלען ברענגען פון דארט דאס גאנצע געלד מיט'ן זילבער, וואס האט זיך געפונען אין די געהיימע קאמערען, און הושענה-רבא בייטאג האט דער דוכס פון פראג געמאכט א גרויסען באל און פערבעטען צו דעם באל אלע גרויסע לייט, אויך דעם גרויסען קענער האט מען גערופען, און שטילערהייט האט דער דוכס אויך געשיקט נאך ר' שמעלקע'ס ווייב און איהר געזאגט אז זי זאל זיצען און ווארטען אין איינעם פון די זאלען, ווייל ער האפט, אז באלד וועט זי זיך דערוויסען פון א גוטער בשורה.

אין מיטען דעם באל, ווען אלע געסט זענען שוין געווען פערזאמעלט און מען האט זיך משמח געווען האט דער דוכס געגעבען א צייכען, מען האט געעפענט א זייטיגע טיער און ר' שמעלקע איז אריינגעקומען אין זאל, זעהר שעהן פערפוצט און ער האט זיך פערנייגט פאר אלע שררות און שררה'טעס. האט מען געעפענט א צווייטע טיער און עס איז אריינגעקומען זיין ווייב און ווי זי האט איהם דערזעהן איז זי צוגעפאלען צו איהם, איהם געפאלען אויפ'ן האלז און געוויינט און געלאכט פון גרויס שמחה. מאן און ווייב האבען זיך געהאלזט און געקושט און אלע אין זאל זענען אזוי גערוהרט געווארען, אז טרעהרען האבען זיך געגאסען פון זייערע אויגען. אין מיטען דערינען איז געווארען א גערודער אין זאל, ווארום דער גרויסער קענער איז פון שאנדע אומגעפאלען און איז מעהר נישט אויפגעשטאנען. דערנאך האט מען אין דעם זאל אריינגעבראכט די אלע גזלנים געשמידט אין קייטען און ר' שמעלקע האט דערצעהלט דעם גאנצען עולם, וואס מיט איהם איז פארגעקומען.

צומארגענס שמיני עצרת, האט די גאנצע שטאדט גערעש'ט מיט דער געשיכטע און ז׳י צוועלף גזלנים זענען צוהאקט געווארען אויף שטיקער. דאס גאנצע עשירות, וואס מען האט געפונען אין דער הייל האט מען אבגעגעבען ר' שמעלקען, וועלכער האט פון דעם נישט געוואלט נהנה זיין און עס צוטיילט אויף צדקה, און ער האט אויסגעלעבט זיינע יאהרען אין נחת און גדולה.

# פראפעסיאנעלע פאך-שולען אדער הויך שולען פאר אונזער יוגענד?

אין א טייל פוילישער פרעסע ווערט לעצטענ'ס געפיהרט א דיסקוסיע וועגען ענדערן דעם ביז-יעצטיגען סיסטעם פון שול-וועזען.

פוילען בעזיצט ביים היינטיגען טאג 60 טויזענד לעהרער, וועלכע לערנען מיט 8 מיליאן קינדער אין 30 טויזענד פאווּשעכנע שולען.

די קינדער, נאכ'ן ענדיגען 7 אבטיילונגען פון די פאווּשעכנע שולען קוקען מיט פערדרוס אויף זייערע קאלעגען, וועלכע האבען די מעגליכקייטען וויטער פארטצוזעצען זייער לעהרע אין די מיטעל-שולען און נאכ'ן ענדיגען די מיטעל-שולע, בעקומענדיג מאטורע, געפונט די יוגענד פאר איהר חוב צו פערבייטען די מאטורע אויף א דיפלאם פון א אוניווערזיטעט אדער פאליטעכניק, דען קיין אנדערן אופן פון פערדינסטען שטעלט זי'ך אונזער יוגענד נישט פאר. עס מאכט דעם איינדרוק, אז מיר דארפען גארנישט קיין מענשען, וועלכע זאלען בעזיצען מיטעל-בילדונג, נאר אלע מוזען האבען א דאקטאר אדער אינזשיניער-טיטול.

די אוניווערזיטעטען אין פוילען און אויסלאנד זענען איבערפולט. עס איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז דאס ליבעראלע טשעכיען, וואו אונזער יודישע יוגענד האט נישט געפיהלט ביז יעצט קיין בעשרענקונג אין אלע הויך-שולען, איז לעצטענס געווען געצווינגען ארויסצוגעבען א פעראָרדנונג, נישט צוצולאזען אין די הויך-שולען קיין פרישע אויסלענדער, ווייל אלע הויך-שולען זענען איבערפולט.

אין דער יעצטיגער שווערער צייט פון אלוועלטליכען עקאנאמישען קריזיס, ווען דיפלאמירטע אינזשיניערען נעמען איבער פאסטענס שאפערען אדער פערקויפען עלעקטרישע אינסטאלאציעס, דאקטוירים-מעדיצין ווערען מיטארבייטער אין די צייטונגען, אדוואקאטען קעמפען וועגען א קליענט, דאס אלעס צוליעב דעם שטיקעל ברויט.

און די דאזיגע לאגע איז נישט נאר ביי אונז.

אין דייטשלאנד האבען די ארבייטסלאזע אינזשיניערען געשאפען א פראפעסיאנעלען פעראיין, כדי צו פערלאנגען רעגירונגס-שטיצע. אין די גריכישע רעסטאראנען בעדינען קעלנערס וואס בעזיצען צוויי פאקולטעטען. די סטאטיסטיק אין טשעכיען בעווייזט א אונגעהויער גרויסע צאהל מענשען מיט דיפלאמען אלס ארבייטסלאזע.

צו א גאנצער רייהע אונגעזונטע נאך-מלחמה ערשיינונגען איז צוגעקומען נאך איינע: יעדער וויל זיך לעגיטימירען אלס א אינטעליגענט, יעדער וויל האבען א בעשייניגונג, אז ער געהער צו דער אויסדערוועהלטער ראסע, עס האט זיך געשאפען א מיינונג, אז מען דארף שעצען נאר די יעניגע, וועלכע מען קען טיטולירען און אז דער איינפאכער עהרליכער און פעהיגער בעל-מלאכה געהער נישט צו דער „געזעלשאפט", ווייל ער איז נישט קיין טיטולירטער.

עס האט בעהערשט די עלטערן און ערציהער נישט קיין געזונדע פסיכאזע צו שטיפען זייערע קינדער אין די הויך-שולען, צוליעב וועלכען זיי זאגען זיך אב פון די עלעמענטארסטע בעדערפנישען און ווילען נישט הערען, דאס די יוגענד זאל זיך פערנעמען מיט מלאכה.

עס פעהלען אונז פראפעסיאנעלע אויסגעבילדעטע בעלי-מלאכות. אונזערע בעלי-מלאכות בעשטעהן 70 פראצענט פון אנאלפאבעטען און זעלבסטלערנער, וועלכע בעזיצען נישט קיין טעכנישע וויסענשאפטען און האנדעלס-נאכריכטען.

ביי די עקזאמענס אויף מייסטערס האט זיך ארויסגעוויזען, אז בעלי-מלאכות, וועלכע פיהרען זייערע ווארשטאטען צעהנדליגער יאהרען האבען נישט געקענט ענטפערן אויף די עלעמענטארסטע פראגען אין זייער בראנזשא שוין נישט רעדענדיג וועגען קאלקולאציע אין זייער פאך, וואס עס איז דער הויפט-יסוד אין יעדער צווייג פון פראדוקציע און האנדעל.

מיר זעהען, דאס א שטאדט, וועלכע האט א פאר טויזענד איינוואוינער בעזיצט א גימנאזיום, דאגעגען לאזט זיך בעמערקען דאס אין גרעסערע אינדוסטריע-צענטרען איז נישטא קיין פאך-שולען, צ. ב. ראדאם און קעלץ, וואו עס געפונען זיך די גרעסטע גארבעריען, פערמאגען נישט קיין גארבעריי-שולען. ביאלאסטאקער אומגעגענד האט נישט קיין טעקסטיל-שולע או"וו. אזעלכע בעציהונגען קענען צו קיין גוטעס נישט ברענגען. עס מוז קומען צו א פעראָרימקייט פון אונזער אינטעליגענץ און דאביי מוזען מיר אימפארטירען מייסטערס, צאהלענדיג יעדען פרייז, ווי עס האט יעצט א ארט. מיר דארפען אבברענגען און אפילו צאהלען די העכסטע פרייזען נישט קיין מייסטער, וועלכע זאלען פערנעמען א ארט אין דער אינדוסטריע, נאר אין שול-וועזען, כדי זיי זאלען אויסבילדען אונזער יוגענד אין אלע מעגליכע געהיימניסען פון דער גרויסער טעכניק און זאלען איינווארצלען אין די מוחות די ליעבשאפט און עהרע צו מלאכה און מכשירים.

אין דער יעצטינער שווערער ווירטשאפטליכער לאגע איז איין איינציגער אויסחעג צו רעטען אונזער יוגענד, כדי זי זאל נישט זיין ארבייטסלאז, צו פערנעהמען זיך מיט פראפעסיאנעלע ארבייט און בעזוכען פראפעסיאנעלע שולען, נישט ווי דאס האט א ארט לעצטענס, דאס יאגען זיך נאך דיפלאמען.

מ. קרעמסקי

# גלייכווערטלעך פון יודישע גדולים.

### עס פעהלט איהם עפיס אנדערש.

א חזן, וואס פאהרט ארום איבער די שטעדט דאווענען, איז אמאל געקומען צום בעוואוסטען בודאפעשטער חזן, פראפעסאר פרידמאן מיט א בקשה, ער זאל איהם בארגען א משורר, ווייל ער דארף פאהרען אין א דערבייאיגע שטאדט דאווענען און עס פעהלט איהם אזא איינער.

האט דער פראפעסאר פרידמאן געזאגט צום חזן;

— זינג מיר עפיס, וועל איך הערען, וואס פאר א שטימע דו האסט, וועל איך במילא וויסען, וואס פאר א משורר דיר צו בארגען.

האט דער חזן פאר איהם געזינגען.

— ניין, האט איהם דער פראפעסאר געזאגט — דיר פעהלט נישט קיין משורר, נאר דיר פעהלט א חזן, און א חזן צו בארגען האב איך נישט...

### ווי יעדער יוד.

ר' חיים וואלאזשינער האט תמיד עוסק געווען אין תורה, און האט קיינמאל נישט מבטל געווען אפילו א רגע ממש „לא פסק פומיה מגירסא", די מויל נישט פערמאכט, האט ער נישט געהאט קיין יכולת צו לערנען אינוויינג האט ער געלערנט אויסוויינינג. אפילו בעת ענטפערען מענשען, האט ער נישט מפסיק געווען פון לערנען, זיין דרך איז געווען, אויסהערען וועגען וואס מען איז געקומען צו איהם, נישט אויפהערענדיג צו שאקלען מיט די ליפען.

האט מען איהם אמאל געפרעגט:

— רבי, ווי בעווייזט איהר עס אויסצוהערען מענשען, זיך אריינטראכטען אין כמה ענינים און לערנען בעת מעשה?

— עס איז א קלייניגקייט — האט ר' חיים געענטפערט — כמעט איטליכער יוד בעווייזט עס אין דאווענען. דאס מויל דאווענט און דער קאפ טראכט עפיס אנדערש...

### געפונען א תירוץ.

א ליטוואק א שניידער איז אוועק קיין אמעריקא און איז דארטען געווארען א — רב. אין א געוויסע צייט שפעטער איז צו איהם געקומען זיינער א ברודער, און זעהט ווי זיין ברודער דער שניידער פיהרט זיך ווי א רב. צומארגענס זעהט ער, ווי מ'האט דעם ברודער — רב גערופען אויף א פדיון-הבן, און ווי ער האט גענומען דערפאר פינף דאלאר, דא האט זיך שוין דער ברודער נישט געקענט מעהר איינהאלטען און האט ביי איהם געפרעגט:

— מילא, אז דו ביזט געווארען א רב, אויף דעם וויל איך קיין קשיות נישט פרעגען... קיין רב ווערט נישט געבוירען א רב, געוויס האסטו געלערנט תורה און דו האסט זיך אויסגעלערנט צו זיין א רב, אבער א כהן ווי אזוי קאנסטו זיין? אונזערע אבות אבותנו זענען דאך קיין כהנים נישט געוועזען...

— בערוהיג זיך ברודערל, האט איהם דער „רב דער כהן" געענטפערט:

— אזוי ווי דאס קינד איז א בכור, אזוי בין איך א — כהן...

רישע" טאכטער און זיין ברכה די טאכטער נישט געגעבען. די מוטער די קריסטין האט איהר ברכה יא געגעבען און איז געווען אויף דער חתונה.

אין א בריוועל וואס די טאכטער שרייבט צו איהר שטרענגען פאטער האט זי צווישען אנדערס אויך בעמערקט, אז ער זאל זיך נישט נעמען צום הארצען איהר שריט, ווייל סוף כל סוף קומט ער דאך אויך ארויס פון יודען. נו, במילא האט עס זי, זיין טאכטער, צוריקגעצויגען צום שורש.

### דער אמת'ער פאלקס-דיכטער.

מיט'ן אנקום פון דעם גרויסען העברעאישען פאלקס-דיכטער ח. נ. ביאליק קיין פוילען אלס „תרבות"-גאסט, האט זיך ווידער דערוועקט די אנגעוועהטאגטע פראגע יודיש-העברעאיש, וואס האט אמאל פערנומען א חשובן ארט אלס דיסקוסיע צווישען די פארטיי-פיהרער פין געוויסע ריכטונגען.

ווייזט זיך אבער ארויס, אז ביאליק אליין דער גרעסטער העברעאישער דיכטער פון איצטיגען דור, האט גאר נישט פיינט די יודישע שפראך, נאר פערקעהרט, ער האלט, אז אין גלות איז יודיש די פאלקס-שפראך אויף וועלכע מען דארף שרייבען און לעזען.

אויף דער באהן וואו מען האט איהם אבגעווארט, האט איינער פון די געסט זיך אנגערופען צו ביאליק'ן אויף יודיש, די זייטיגע האבען יענעם אויפמערקזאם געמאכט: דבר עברית — רעד העברעאיש — אויף וועלכען ביאליק האט געמאכט א בעמערקונג, אז עס מאכט נישט אויס, ער קאן רעדען יודיש, ווארום אין גלות איז די הויפט-שפראך יודיש.

אקעגען וואס דערצעהל איך דאס, כדי אייך צו בעווייזען, אז דער אמת'ער פאלקס-דיכטער איז נישט קיין פאנאטיקער, נאר ער זאפט אין זיך איין די פאלקסטימליכקייט פון דער נאציע. און דערפאר זאג איך טאקע, אז ח. נ. ביאליק איז דער אמת'ער פאלקס-דיכטער.

### נאך א קולטור ווינקעל.

די וואך איז ערעפענט געווארען די ציוניסטישע ביבליאטעק וועלכע איז שוין א לענגערע צייט נישט געווען טעטיג.

די ביבליאטעק האט געעפענט די יוגענד-ארגאניזאציע „הרצליה", וועלכע האט דאס געמאכט מיט פאמפע. מיט רעדעס און בעגריסונגען, מיט פאטאגראפיעס אז"וו.

לעולם איז דאס נישט קיין נייע ביבליאטעק, נאר ווי איך געדענק איז זי געשאפען געווארען מיט 20 יאהר צוריק דורך דער „ליטעראַרישער געזעלשאפט" און דער שרייבער פון די שורות האט צוזאמען מיט ה' פעדערמאן און ה' געלבארד די דאזיגע ביבליאטעק געקליבען אין שימינס וועלט-ביבליאטעק אין ווארשא נאלעווקי 33 און זי געבראכט קיין טשענסטאכאו, וואו זי איז געווארען דאס אייגענטום פון דער „לירא" און ערשט שפעטער, נאך דעם מלחמה אויסברוך האט דער דאמאלסדיגער פרעזעס ה' מארקוספעלד זי אוועקגעשענקט דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, וואו זי איז נישט ווי געהעריג געפפלעגט געווארען, עטליכע מאל פערמאכט געווארען און צום סוף אינגאנצען אויפגעהערט צו זיין טעטיג.

ענדליך איז זי איבערגעגאנגען אין די הענד פון יוגענד און די וואך איז טאקי פארגעקומען די פייערליכע ערעפנונג, וואס מען האט מיט פאטאס בעגריסט און זיך געוואונשען, און מיר ווילען, אז די וואונשען זאלען מקוים ווערען און אין טשענסטאכאו זאל צוקומען נאך א קולטור-ווינקעל.

### „אל תקשקש בקומקום" — האק נישט קיין טשייניק.

אויף דער פארלעזונג פון בונדישען פיהרער יעקב פאט, וואס איז פארגעקומען די ערשטע טעג יום-טוב האט א אנוועזענדער, דער ה' ז—ד בעת דער פרעלעגענט האט גערעדט וועגען ציוניזם און העברעאיש איהם געמאכט א צווישענרוף, אז ער זאל נישט האקען קיין טשייניק, אויף וואס דער פרעלעגענט האט איהם באלד אויפ'ן ארט אויפמערקזאם געמאכט, אז ער זאל דאס זעלבע זאגען אויף העברעאיש. יענער איז אבער בעקאנט מיט די דראבנע אותיות און אויפ'ן ארט איהם געענטפערט: אל תקשקש בקומקום, ד"ה אויף פראסט יודיש: האק נישט קיין טשייניק.

דער פרעלעגענט זעהענדיג, אז ער האט צו טהון מיט א יודע ספר האט ער די רעדע פערענדיגט מיט אנדערע ענינים.

### א שווערע אויפגאבע.

דער היינטיגער חודש איז געווידמעט דער פראפאגאנדע פאר'ן יודישען בוך.

דאס יודישע בוך געפונט זיך אין א זעהר טרויעריגער לאגע, מחמת דעם, וואס יודען זענען איבערהויפט א קליין פאלק און צווישען דעם קליינעם פאלק איז פערהאן א גרויסער טייל, וואס שעמט זיך צו לעזען יודיש און די, וואס ווילען שוין יא לעזען האבען נישט קיין געלד עס צו טהון. אויך די ביבליאטעקען, וואס זענען געווען די הויפט-קאנסומענטען פון יודישען בוך, געפונען זיך אין א שווערען מאטעריעלען קריזיס, שטעהט דאס דאזיגע בוך פעריתומ'ט און ווארט אויף א לעזער.

קומט דאס פאר דעם חודש א פראפאגאנדע און דאס בוך האט מען געמאכט ביליגער.

יא, מיינע פריינד, איהר האט אויף זיך גענומען א עהרליכע אבער שווערע אויפגאבע.

### קהל'ס אתרוג האט געהאט ערפאלג

זעלטען ווער עס האט געהאט הייאהר צו קויפען א אתרוג פאר זיך, ווארום פאר די פאר גילדען האט ער זיך געקויפט א ברויט מיט א שטיקעל חלה. מען מוז דאך אבער אתרוג בענטשען אויך, האט זיך טאקי פערזאמעלט אין דער שטאדט-שוהל א גרויסער עולם דעם צווייטען טאג יום-טוב און האבען נעבענשט מיט'ן קהלה-אתרוג. זענען זיי געשטאנען א לאנגע רייהע און געווארט ביז עס וועט אנקומען צו זיי.

וואס, וואס, נאר קהל'ס אתרוג האט היי-יאהר געהאט גרויס ערפאלג.

לויתן

